רחל אויערבאַך (תל־אביב)

# אַ בוים אין געטאָ (ישראל שטערן)

מסתמא איז דאָס געווען פרילינג אָדער אָנהייב זומער 1941. דעמאָלט אין סאַמע הויך־סעזאָן פון הונגער און טיפוס, פון מחנות בעטלער, הענדלער, זינגער אויף די גאַסן. עס איז געווען נאָך הערשעלעס טויט. איך האָב מיר נישט געקאָנט מוחל זיין הלמאי האָב איך באַצייטנס נישט געפרוווט אים אונטערקאַרמען אין מיין קיך, און ווען איך האָב צופעליק געטראָפן ישראל שטערן אין איינער פון די אינסטיטוציעס אונדזערע, האָב איך אים אַוועקגערופן אין אַ זייט, פאַרבעטן ער זאָל קומען יעדן טאָג אויף לעשנאָ 40 אָפּעסן אַ זופּ. זיין ערשטע פראַגע איז געווען, צי די קיך איז כשר.

— וואָס האָט נישט צו זיין כשר? — האָב איך אים געענטפערט — ס׳איז נישט מילכיק, ניט פליישיק. מען שמעלצט מיט אייל דאָס עסן, איז עס פאַרעווע.

שטערן האָט נישט דעם מינדסטן שמייכל געטאָן אויף אָט דער „חכמה", אויך נישט געזאָגט צי וועט ער קומען. אין אַ פאָר טעג אַרום האָט ער זיך פונדעסטוועגן באַוויזן: אָנגעהויבן קומען כמעט יעדן טאָג. ווי נאָר די „גאָספּאָדיניע" אונדזערע פלעגט אים דערזען, פלעגט זי אים תיכף, לויט מיינעם אַ ווונק, צושיקן אַ טעלער זופּ — אָן אַ צעטל. סיי זי, סיי דער שטענדיקער „פּאַטראָן" פון אונדזער קיך, אַ געוועזענער יידישער גוטבאַזיצער פון ריפּינער קרייז, זענען געווען געוווינט צו אַזעלכע מיני „עבירות". זיי האָבן אויך דעם דאָזיקן קאָנסומענט אַריינגערעכנט צווישן מיינע „אומזיסטע טיפּן". נישט מער, זיי האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן דערמיט, הלמאי גיב איך אים בעסער נישט אַהיים דאָס עסן; הלמאי בעט איך גראָד אים אין זאַל צום טיש.

און באמת — וואָס איז דען צו לייקענען — אַפילו אויפן פאָן פון די דעקלאַסירטע און אויסגעמאַטערטע פליטים פון דער פּראָווינץ, פון וועלכע ס׳איז באַשטאַנען דער רוב קאָנסומענטן פון דער קיך, האָט שטערן זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זיין מוראדיקער אָפּגעלאָזנקייט.

זיין פּאַלטן איז אונטן אַרום געווען אויסגעסטרעפּעט, די אַרבל אין די פּאַכוועס אויסגעפליקט. דעם שוואַרץ־פאַרפּעצטן קאַפּעליוש האָט ער כמעט קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען פון קאָפּ. די זעלטן געגאָלטע באַקן זענען געווען אָנגעיווּשעט, ווי אַ סטערניע, מיט אַ האַרט שטאַרצנדיקן ווילדוווקס. אונטערן מאַנטל איז שוין, דאַכט זיך, נישט געווען קיין רעקל און דאָך איז ער געווען עפּעס מאָדנע אָנגעבלאָזן אויפן בויך. איך האָב געפרעגט ביי יוסף קירמאַן וואָס קען דאָס זיין און קירמאַן האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

— היות די קעשענעס פון פּאַלטן זענען אויסגעריסן, טראָגט שטערן אונטער די פּאָלעס זיינע נייטיקסטע חפצים; דאָס ביכל, וואָס ער האַלט אין לייענען — אַ באַנד לידער פון רילקע, צי פון קאַספּראָוויטש און דערצו זיין אייגענע — אַ נישט־אָפּגעשפּרונגענע — קוואַרט צום אָפּגיסן די הענט, לויטן שולחן־ערוך...

און ווי דאָס אַלטע ווערטל זאָגט וועגן דעם חכם, וואָס טראָגט אַלץ דאָס זייניקע מיט זיך.

מיר האָבן נאָך פאַר דער מלחמה געוווּסט, אַז שטערן איז אַ חסיד, דערצו נאָך פון די בראַסלעווער, די „טויטע חסידים". דאָך האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַזוי ווייט אָפּגעהיט...

*

קעגן סוף דעצעמבער 1941 איז די קיך אויף לעשנאָ 40 אין דער ראַם פון ווינטער־הילף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעקאָנוואַלעסצענטן־קיך. אָנגעהויבן קאָכן נאַרהאַפטיקע און פעטע זופן בעיקר פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַ טיפוס. פון דער קיך האָט מען איצט געהאַט דאָס רעכט צו געניסן נאָר אויפן סמך פון אַ ספּעציעלער צווייזונג און נאָר אין משך פון איין חודש. די קיך איז איצט געווען אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע וויזיטאַציעס, אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז אויך איצט האָב איך געקאָנט אַריינשמוגלען אַן „אויסנאַם". חברים שרייבער, מאָלער, מוזיקער האָבן זיך ערשט איצט באמת פאַראינטערעסירט מיט אונדזער קיך און מיט אירע קאַלאָריעס. פאַר שטערנען איז אַן עיקר־זאַך געווען די כשרות. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב אים אָנזאָגן, אַז דאָס עסן וועט פון איצט אָן געקאָכט ווערן אויף חזיר־פעטס און פערדישע ביינער. פון דעם טאָג אָן איז שטערן פון דער קיך פאַרשוווּנדן.

אַ פאָר חדשים האָב איך אים נישט געזען. ערשט בערך פאַר פסח 1942 קומט יוסף קירמאַן אויף לעשנאָ 40 און דערציילט מיר, אַז שטערן געפינט זיך אין אַ מוראדיקן מצב, ממש נאָר צו לאָזן די נשמה.

איך לאָז אַלץ שטיין, מיר גייען ביידע. אין אַ סוטערין־שטוב אויף ראָג פּאַוויע און סמאָטשע וווינט אַ חסידיש־בעל־הביתישע משפחה און שטערן פאַרנעמט דאָ אַ ווינקל צום שלאָפן. דורך די פאַרדראָטעוועטע פענצטערלעך אונטערן סופיט זייט זיך אַריין אַ שיטער ביסל ליכט. צוויי הויך־פאַרבעטע בעטן, נאָך איבערגעדעקטע מיט רויטע פּלויש־דעקן, שטייען ביי די ווענט. אַן אַלטער ספרים־שאַנק אַנטקעגן דער טיר.

ביים טיש אין מיטן שטוב איז אַן אומהיימלעך פאַרענדערטער געוועזן ישראל שטערן. די פיס, דער גאַנצער גוף געשוואָלן ביז אַרויף. דאָס אָנגעדראָלענע פּנים אַרומגענו־

מען מיט אַ היפּש אונטערגעוואַקסענער באָרד, ווי ביי אַן אָבל.

די מענטשן אין שטוב האָבן גענומען זיך פאַרענטפערן פאַר אונדז, הלמאַי שטערנס בעט איז אויך פאַרבעט. „אַז ער וויל נישט בלייבן ליגן — האָבן זיי געזאָגט — וואָס קאָן מען טאָן?"

שטערן האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך. ער איז שוין אַליין געווען דענערווירט מחמת זיין צושטאַנד. געלאָזט אונדז באַשליסן וועגן זיך לויט אונדזער איינזען. פאַר איין זאַך האָט ער זיך באַוואָרנט: ער וועט נישט פאָרן מיט קיין ריקשע — אויף אַ מענטשלעכן געשפּאַן.

איך געדענק שוין נישט פונוואַנען מיר האָבן דעמאָלט דערווישט אַ פערד און וואָגן. קיין דראָזשקעס זענען שוין כמעט אין געטאָ נישט געווען. מיר האָבן שטערנען אַוועקגעפירט אין ט אָ ז אויף גענשע, ווו מיר האָבן געהאַט אַ שטאַרקן צד אין דער משפחה — דעם לייטער פון דער אַדמיניסטראַציע, דעם שריפטשטעלער יהודה פעלד.

מען האָט שטערנען אָפּגעשוירן, אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן אין נייע זאַכן פון טאָז־מאַגאַזין. ערשט נאָך דעם געלאָזט אים אונטערזוכן דורך אַ דאָקטאָר, אַן אינטערניסט, וואָס האָט נישט אָפּגעוואַרט דעם רעזולטאַט פון אַנאַליזן און איינגעשפּריצט אים אַ גרויסע פּאָרציע גלוקאָזע.

שפּעטער האָט מען שטערנען אַריבערגעפירט אויף דעם פּליטים־פונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם הויז אויף לעשנאָ 14.

מיר האָבן אַלאַרמירט די דירעקציע פון דער י י ד י ש ע ר ס אָ צ י אַ ל ע ר אַ ל יי נ ה י ל ף, אין וועלכער עס זענען געזעסן אַזעלכע אייגענע מענטשן ווי יצחק גיטערמאַן און עמנואל רינגעלבלום. לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון די „הויכע פענצטער", האָט דער לייטער פון דעם פונקט געלאָזט אַריינשטעלן אין קאַנצעלאַריע אַ בעטל, כדי שטערן זאָל האָבן אַ באַזונדער צימער. פון די י י ס אָ־מאַגאַזינען האָט מען אַרויסגעגעבן פאַר שטערנען ספּעציעלע פּעקלעך טרוקענע פּראָדוקטן, מען האָט געצאָלט אַ פרוי זי זאָל קומען אָפּקאָכן, דערלאַנגען. מען האָט באַזאָרגט די היילמיטלען און געלטמיטלען, וואָס זענען געווען נייטיק פאַר אַ וויטאַמין־רייכער צוגאָב־באַשפּייזונג. נישט מער — דאָס געלט האָט מען אַוועקגעגעבן אין רשות פון יוסף קירמאַן; שטערן האָט געהאַט אַ קליינשטעטלדיק־פויערשע שווערע האַנט „אויסצוגעבן" געלט.

קירמאַן האָט שטערנען געקאַנט מיט אַלע פּיטשעווקעס און דערביי געווען אים איבערגעגעבן ווי אַ ברודער. מיט ליבשאַפט זיך געניאַנטשעט מיט זיין יעדן קאַפּריז.

קירמאַן פלעגט מיר געבן געלט און איך פלעג מיך אַריינכאַפּן אין באַזאַר אויף לעשנאָ 42 — דאָס צווייטע הויז לעבן מיין קיך — איינקויפן פאַר שטערנען אַ שטיקל קעז, אַ שטיקל פּוטער; די ערשטע גרינוואַרג און פּירות, וואָס מען האָט אַריינגעשמוגלט פון דער אַרישער זייט.

אָט אַזוי האָבן מיר שטערנען געהיילט און צוגעזען. און עס האָט טאַקע געהאָלפן. דאָס געשווילעכץ איז צו ביסלעך אָפּגעגאַנגען, שטערן איז אויפגעשטאַנען און סוף יוני האָט ער אָנגעהויבן אַרויסקומען אין גאַס.

דאָס אַרויסציִען אים פון הונגער־געשוויל האָט אָפּגעקאָסט גוטע עטלעכע טויזנט גילדן. איך דערמאָן דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס געשוואָלענע זענען דעמאָלט געווען אין געטאָ אין די צענער טויזנטער און ווען איינער איז שוין געוואָרן געשוואָלן, איז זיין גורל געווען געחתמעט. די זופּן פון דער פאָלקסקיך האָבן אים נישט נאָר נישט גענוצט מער, נאָר משמעות געוואָרן שעדלעך פאַר אים. און אויסגעבן צו עטלעכע טויזנט זלאָטעס אויף יעדן געשוואָלענעם איז, נאַטירלעך, די יידישע סאָציאַלע אַלייןהילף נישט געווען ביכולת.

*

עס איז געווען אָנהויב זומער 1942. אין דער תקופה פון די ביינאַכטיקע הריגות פון געשטאַפּאָ; אין דער צייט פון ערב־טעראָר, וואָס איז געווען אַ הקדמה צו דער ערשטער גירוש־אַקציע. וואָס אַ מאָל גרויליקער, וואָס אַ מאָל געפערלעכער זענען געווען די סימנים; וואָס אַ מאָל מער געשפּאַנט די אַטמאָספער.

און שטערן איז זיך געלעגן אָפּגעזונדערט אין זיין צימער, געלייענט פּאָעזיע, געטראַכט. די שלעכטע ידיעות פון דער גאַס האָט מען אים אויסגעמיטן צו דערציילן. קיין צייטונגען מיט די מעלדונגען וועגן דייטשע נצחונות האָט מען אים נישט געבראַכט. איך מיין, אַז שטערן האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ שטילע אידיליע אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג.

איך געדענק איינעם אַ באַזוך מיינעם, אַ שמועס מיט שטערנען, בשעת ער איז געלעגן אויפן „פונקט" און איך האָב אים אַרויפגעבראַכט אין אַ שקאַרמוצל עטלעכע טרוסקאַווקעס, אַ סלאָיִקל קאָמפּאָט פון וועפּרענעס.

די קאַנצעלאַריע האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק פון דער לינקער אָפיצינע, געגרענעצט מיט אַ פליגל פון וואַנגעלישן קלויסטער אויף לעשנאָ גאַס, וואָס איז געשטאַנען געשלאָסן. דורכן אָפענעם פענצטער האָט מען געזען אַ געפלעכט פון טורעמס און טורעמלעך, פון שטיינערנע פאַסאַדן — אַ פראַגמענט פון קריסטלעכער אַרכיטעקטור. און נאָך נענטער — אַ גרויסן, ברייטן, שטילן בוים. דער קאַשטאַן־בוים איז געווען אָפּגעשיט מיט ווייסע קווייטן, ווי אַ קריסטבוים אָנגעשטעקט מיט ווייסע ליכטפלאַמען. צווישן די געזימסן פון דעם קלויסטער האָבן זיך געפונען פייגלנעסטן, אין וועלכע עס האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעבריט יונגע פייגל. די פייגל־עלטערן זענען אַלע מאָל געקומען צו זיי צו פליִען מיט קרישקעס עסן אין די שנאָבלען. געצווישערט און געפלאַטערט אַרום די נעסטן, ווי זיי וואָלטן נישט געוווּסט, אַז אויך דאָ איז געטאָ, אַז יידן זענען פאַרמישפּט אויף אונטערגאַנג...

אַ שטילקייט, אַן אָפּגעזונדערטקייט, ווי צוויי טריט פון דאַנען וואָלט נישט געוואָרפן זיך די גאַס ערב גסיסה־פּיבער; ווי אפילו מיר וואָלטן פון גאָרנישט נישט געוווּסט.

„...אין שאָטן פון דער אַלטער קאַטעדרע"... מיר האָבן גערעדט וועגן דעם ווייניק באַקאַנטן זאַלאַ — דעם ראָמאַנטיקער; אַזאַ ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין זיין ראָמאַן דער חלום. אין וועלכן ער שילדערט אַ יוגנטלעכע ליבע צווישן אַן אומלעגאַלן בישאָף־זון און דעם טעכטערל פון אָרגל־שפּילער...

— נישטאָ קיין גרויסער שרייבער, ער זאָל נישט זיין קיין ליריקער כאָטש אין אַ געוויסער פּאַזע פון זיין שאַפן — האָט באַמערקט ישראל שטערן; געוואָלט איך זאָל אים פאָרלייענען אַ ליד פון סטעפאַן געאָרגע, ווייל אים איז שווער צו לייענען אין פראַנצויזיש.

— זאָגט מיר בעסער אייערס אַן אייגן ליד — האָב איך געבעטן. שרייבט אַן אַליין אַ ליד וועגן אָט דעם בוים, וואָס בליט אין מיטן געטאָ...

פאַרן אוועקגיין האָט מיר שטערן אַ פרעג געטאָן וועגן נייס, און הגם איך האָב זיך אַרויסגעדרייט אים עפּעס צו דערציילן פון דעם שלעכטן, וואָס האָט זיך געטאָן אין שטאָט און פון דעם נאָך ערגערן, פון וואָס מען האָט אין שטאָט געשמועסט, — האָב איך דעמאָלט דערקענט, אַז אין גאַנצן אַפּגעאָרן האָט ער זיך נישט געלאָזט.

דער דייטש איז שטאַרק, דער דייטש איז שטאַרק — האָט ער געברומט, ווען מען האָט גערעדט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. אין געטאָ האָבן נישט געפעלט קיין אָפּטימיסטן, וואָס האָבן אין יעדער ידיעה פון מזרח צו פון מערב געזען סימנים פון דער קומענדיקער מיליטערישער מפּלה פון די דייטשן. ישראל שטערן האָט צו די אָפּטימיסטן נישט געהערט; ער האָט אויך נישט געוואָלט זיך מאַכן קיין אילוזיעס וועגן דער צוקונפט פון געטאָ ביי אונדז אין וואַרשע.

נישט געלאָזט זיך איינריידן קיין פּוסטע מעשיות. נישט געגלויבט אין זיי.

און אפשר פאָרט אַ ביסעלע געגלויבט?

*

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש, האָב איך שוין שטערנען נישט מער געזען.

אַנדערע האָבן מיר דערציילט, אַז אַריינגעצויגן אין דעם טייזול־ווירבל פון אומזיסטיקן געראַנגל מיטן אומקום, האָט שטערן אַרויסגעוויזן אַ געוויסן זעלבסט־דערהאַלטונגס־חוש. עמעצער פון געטאָ־אַרבעטסאַמט (דאַכט זיך דער זשורנאַליסט פּ ט אַ ק אָ ו ו ס ק י *) האָט שטערנען צוגעשריבן צו אַ דייטשער אַרבעטס־שטעלע אויף דער אַרישער זייט. פלעגט מען אין משך פון אַ געוויסער צייט זען שטערנען יעדן פרימאָרגן שפּאַנען אין די אַרבעטער־רייען, וואָס פלעגן פאַרן אָנהייב פון די בלאָקאַדעס אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט.

*) היינטיקער פּוילישער קאָרעספּאָנדענט פון מערב־דייטשלאַנד, מחבר פון עטלעכע ביכער וועגן דייטשלאַנד — מ אַ ר י אַ ן פּ אָ ד ק אָ ווי נ ס ק י.

שטערן איז שוין געווען איבער די פופציק, אָבער איין מאָל אַנגעשטעקט פון „שאַפן־שגעון", האָט ער גלייך מיט אַנדערע באַמיט זיך אויסצוזען „געזונט און פריש". מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אפילו געהאַט פון ערגעץ אַרויסבאַקומען אַ נייעם העל־בלאָען שטאַרק אָנגעקראָכמאַלעטן כאַלאַט, אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ אַ באַקעסטלטן קאַשקעט, אַריבערגעהאָנגען איבער די פּלייצעס אַ לייוונטענעם ברויטזאַק און מאַרשירט אין טראָט צוזאַמען מיט די אַנדערע.

לאַנג האָט דער מאַסקעראַד נישט אָנגעהאַלטן. שטערן איז אַריינגעפאַלן אין איינער פון די „ווילדע" בלאָקאַדעס אין דער צווייטער העלפט פון חודש אויגוסט.

אַזעלכע פלעגן זיי זיך מאַכן — די דאָזיקע עקסטראַבלאָקאַדעס. אין אַ פאַרנאַכט פלעגן אַמאָל אויפן אומשלאַגפּלאַץ פאַרפעלן אַ פּאָר הונדערט „קעפלעך" צום קאָמפּלעטירן אַ טראַנספּאָרט.

די ס"ס־מענער זענען שוין געווען מיד פון שרייען און פון שיסן, זיך געאיילט צו מאַכן „פייעראָבענד", האָט מען צוגעשיקט אַ פּאָר אוקראַינער צו איינעם פון די געטאָ־טויערן, וווּ אַרום עס האָבן זיך פון פינף אַ זייגער אָנגעהויבן אומקערן פון דער אַרישער זייט די אַרבעטס־גרופּן; פלעגט מען עטלעכע פון זיי פאַרקערעווען צום אומשלאַג־פּלאַץ. אַמאָל פלעגט מען נאָך אין דער לעצטער מינוט אַדורכפירן צווישן די אַרבעטער אַ שטיקל סעלעקציע. ס'רוב איז שוין אָבער אין אַזעלכע פאַלן נישט געווען קיין צייט דערצו און מ'פלעגט זיי הכל־בכל אוועקטרייבן גלייך צו די וואַגאָנען.

נאָך מיט די פּעק פון גרינע ציבעלעס, נאָך מיט די בינטלעך מערן אין די הענט, וואָס זיי האָבן אַהיימגעטראָגן פאַרן געטאָ.

צווישן די „קעפּלעך" אויף דעם איינעם קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אומזעעוודיקן לאָרבערקראַנץ...

*

ישראל שטערן איז איינער פון די באַדייטנדיקסטע דיכטער, וואָס זענען אויפגעקומען אין אונדזער ליטעראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין ציקל שפּיטאָל־לידער האָט אים שוין אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן אוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייען פון ייִדישן פּאָעטישן שאַפן אין גאַר דער וועלט.

אַ טיפער רעליגיעזער ברען האָט באַפאַרבט זיין וועלטגעפיל; אַ הייסער אינעווייניקסטער קלימאַט האָט געאָטעמט פון זיין יעדער סטראָפע: אַן אָריגינעל געמיש פון ייִדישער לומדות און מאָדערנעם געדאַנק, פון קליינעם שטעטל און פון דער גרויסער וועלט.

אַ ביסל דער אָפּשטאַם און די אומנאָרמאַלע אַנטוויקלונגבאַדינגונגען פון אַ דיכטער ביי ייִדן און אַ ביסל די נאָרמאַלע אַנאָמאַליעס פון אַ ייִדן דיכטער אין געראַנגל מיט זיין סביבה — האָבן געמאַכט פון שטערנען דאָס וואָס ער איז געווען; אַ גייסטיקן פּאַטענטאַט און אַן אמתן בטלן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. זיין בטלנות איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו צום

צונויפקלייבן און צום אַרויסגעבן כאָטש איין זאַמלונג פֿון זיינע לידער האָט מען אים אַ לעבן־לאַנג נישט באַוויזן צו באַוועגן.

אַזאַ איז ער געווען, ישראל שטערן, ביז דעם אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. וואָס איז פֿון אים געוואָרן אין דער צייט פֿון חורבן? צו דעם וואָס כ'האָב דערציילט וועגן זיין גורל, וויל איך נאָך צוגעבן אַ וואָרט וועגן דעם גייסטיקן גילגול, וואָס שטערן האָט מיטגעבראַכט אין געטאָ־צייט.

באַטראַכטנדיק די פֿירונג זיינע אין דער צייט, האָט ווער געזאָגט אין געטאָ, אַז אָט איז דער פּרוש נאָך יאָרן פֿון התבודדות דערגאַנגען צו דער מדרגה פֿון התגלות. ער איז געוואָרן מענטשלעך־צוגענגלעכער, געזעלשאַפֿטלעך־אַקטיווער. אין דער געפּרעסטער אַטמאָספֿער פֿון יידישן גורל און מענטשלעכן לייד האָט שטערן זיך דערפֿילט, ווי אין זיין אייגענעם עלעמענט. געשעפּט פֿון איר אַ מעכטיקע אינספּיראַציע.

*

קופּעס הרוגים האָבן פֿאַרפּלייצט די וועגן פֿון גירושים און נגישות פֿון איין עק אָקופּירטן פּוילן ביז צום אַנדערן.

איבער גאַסן פֿאַרשטאָפּטע מיט הונגעריקע מענטשן, צעראַנשטע מיט בעטלער־געוויין און הענדלער־געשריי, האָט דער טויט אַרומגעשפּאַצירט אין מיטן העלן טאָג, אָנגעטאָן אין גרינעם מונדיר און קאַסקע פֿון אַ דייטשן זשאַנדאַרם — געשוועבט אַרום די מויערן, וואַך געהאַלטן ביי די טויערן, געשאָסן פֿון אַ ביקס צו קליינע קינדער.

מתים האָבן זיך געוואַלגערט צוגעדעקטע מיט פּאַפּיר־בויגנס ביים ראַנד פֿון טראָטואַר. די מגיפֿה האָט געבושעוועט, דער קברות־מאַן און שטאָט־משוגענער האָבן דאָס זייעריקע געטאָן — צי האָט געקענט פֿאַרפֿעלן דאָ דער דיכטער?

וואָס אַ מאָל געדיכטער זענען זיי געשטאַנען — מאַרקישעס „טעג פֿון בלוט און פּאַניק" — יידישע טעג — פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ און אויפֿגעמאַכט די לעפֿצן פֿון דעם יידישן פּאָעט.

איז ישראל שטערן צום סוף פֿון זיינע טעג געוואָרן ווי איינער פֿון יענע נאָמענלאָזע טרייסטערס, וואָס מען פֿלעגט זען אויף די הויף־און גאַסן־ראָגן נאָך נעכט פֿון עקזעקוציעס — שטיין און דרשענען אַ טרייסט־דרשה, זינגען אַ נחמה־ליד.

דאָס טראַגישע און גראָטעסקע, דאָס פֿאַנטאַסטישע און אויסטערלישע האָט צערודערט און געמאָנט, צעגראָבן די נשמה ביז דער לעצטער שיכט.

איעדע אַקטיוויטעט האָט געמוזט טראָגן אין געטאָ דעם מאַנטל פֿון פֿילאַנטראָפּיע. אונטער דער מאַסקע פֿון סאָציאַלער הילף האָט מען אויך געטאָן ליטעראַטור. צו אונדזער גרויסן שטוינען, איז נאָך אפֿשר קיינמאָל ניט געווען אַזאַ מין נאָכפֿרעג ביים עולם אויפֿן דיכטערישן וואָרט ווי אין די געטאָ־יאָרן.

אויף לעשנאָ 14, אין דעם זעלבן הויז, וווּ שטערן איז שפּעטער געלעגן אויף דעם „פּונקט", האָט זיך נאָכן איינפֿירן דאָס געטאָ געפֿונען די קיך פֿאַר אינטעליגענץ — פֿריער זשורנאַליסטן־קיך — אָרגאַניזירט און אָנגעפֿירט דורך א. מ. אַ פּ פּ ע ל ב ו י ם, דעם געוועזענעם רעדאַקציע־מיטגליד פֿון מאָמענט. אַ פּאָר חדשים נאָכן פֿאַרמאַכן דאָס געטאָ האָט אַפּפּעלבוים איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פֿון דער קיך שבת־פֿאַרנאַכטיקע מסיבות. געגעבן זיי אַ נאָמען „ליטעראַרישע שלוש־סעודותן". פֿאַר אַ קליינעם אָפּצאָל האָט מען דאָ באַקומען אַ גלעזל קאַווע־ערזאַץ מיט אמתן צוקער און דערצו אַ שטיקל קוכן, אויסגעבאַקן פֿון ווייצנמעל מיט אַ צומיש פֿון קאַרטאָפֿל. שרייבער און קינסטלער האָבן באַקומען אָט דעם כּבֿוד אָן אָן אָפּצאָל. די עיקר־אַטראַקציע איז געווען דער ליטעראַרישער פּראָגראַם.

אויף דעם פּאָדיום איז געשטאַנען אַ ווייס פֿאַרשפּרייטער טיש מיט אַ פּאָר מעשענע שבתדיקע לייכטער. די ווענט זענען געווען דעקאָרירט מיט סטיליזירטע חסידישע געשטאַלטן אויסגעשניטענע פֿון קאָלירטן פּאַפּיר. סך־הכּל איז דאָס געווען נישט מער — אַ כּמעט שוין קאָנווענציאָנעלער זשעסט אויפֿן אַדרעס פֿון דער פּרץ־טראַדיציע. ווען ביים טיש אויף דער טריבונע פֿלעגט זיך אָבער אָוועקזעצן אין בין השמשות ישראל שטערן, פֿאַרטראַכטן זיך, אַ ווײַלע שווייגן, איידער ער האָט אָנגעהויבן ריידן — פֿלעגן איבערן זאַל אַ שוועב טאָן פֿייערדיקע אותיות. וועגן וואָס ער זאָל נישט ריידן, האָט מען מיט שפּאַנונג אויסגעהערט זיין דיכטערישע תּורה, זיין באַפֿליגלטן פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק, מיט ריינער פּאָעזיע פֿאַראייניקט אין איין פֿלאַם.

ישראל שטערן האָט פֿאַרלוירן די פֿאָדערשטע ציין און זיין לשון איז געווען שווער־פֿאַרשטענדלעך. ווי אַ מרוטשען, ווי אַ ברומען האָבן זיך געטראָגן זיינע רייד איבערן זאַל. און דאָך איז דער אינהאַלט דערגאַנגען צו די צוהערער. די צאָל חסידים פֿון זיינע שבת־פֿאַרנאַכטיקע שמועסן איז פֿון מאָל צו מאָל געוואַקסן.

אָן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער פֿאַרן עולם פֿאַרלייענען איינס פֿון זיינע נייע לידער. אַ ליד וועגן דעם וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט.

איך געדענק אַ רמז און אַ שפּליטער פֿון איינעם אַזאַ ליד.

דאָס ליד האָט שטערן פֿאַרגעלייענט בעת די מענדעלע־פֿייערונגען, וועלכע מיר האָבן אַזוי ברייט געפּראַוועט אין די געטאָ־טעג. געהייסן האָט עס אַ ב ר י וו ו ל ק יי ן אַ מ ע ־ ר י ק ע, אַ פּאַראַפֿראַזע פֿון אַ פֿאָלקסליד. עס איז געווען אַ פֿאַרקלאָגן זיך — אַ גריס פֿון די צום טויט פֿאַרמישפּטע, צו יענע ווייטע יידן, וואָס וועלן אַמאָל באַוויינען אונדזער בראָך.

מיר האָבן דאָס נאָך אפֿשר דעמאָלט נישט פֿאַרשטאַנען — אפֿילו שטערן נישט — אָבער דער דיכטער האָט דאָס שוין פֿאַרויסגעפֿילט, פֿאַרויסגעזאָגט מיטן חוש פֿון פּאָעטישער נבֿואה.

ווי זייער טויט וויי דאָס האַרץ נאָך היינט, וואָס יענע

מיט טיפער חכמה און פּאָעזיע אָנגעברומט קול איז פאַר־שטומט געוואָרן פאַר דער צייט.

שטערן איז אומגעקומען אין חודש אויגוסט 1942 און מיט אים צוזאַמען זענען צו גרונט געגאַנגען אויך אַלע לי־דער זיינע, וואָס ער האָט געשאַפן אין יענע יאָרן. נאָך טי־פערע, נאָך רייפערע ווי די פון פריער.

שיינע, ווי שיין עס איז דאָס שקיעה־ליכט אין שעה פון אונטערגאַנג.

אויב מען זאָל נאָך ווען נישט איז אַרויסגראָבן פון אונ־טער די געטאָ־חורבות אויך דעם דריטן טייל פון רינגעל־בלום־אַרכיוו, וועט מען צווישן מיינע פּאַפּירן, אָפּגעגעבענע צום באַהאַלטן שוין נאָכן אויסבראַך פון דער אַקציע, אפשר אָפּגעפינען אויף דער לינקער זייט פון אַ רעקלאַמע־צעטל פון אַ געטאָ־וועשעריי שטערנס אַ ליד וועגן אַ בוים אין געטאָ.

דאָס ליד, וואָס איך האָב עס אַליין „באַשטעלט" ביי אים אַ חודש פאַרן גירוש, באַקומען עס צום איבערלייענען און שוין נישט באַוויזן אים אָפּגעבן צוריק.

